ווערט דאָס געבעט גופא אַ שטיק טרויער און גליוועריט אין האַלז און ווערגט, אויב אַלע אָטעמען זענען קעגן אונז, אויב אין יעדן שטיק בלאַנקן שטאָל גלאַנצט דער ווילן זיך אויפצוהויבן איבער אונזער שאַרבן. אויב יעדער פייער-פונק איז אַזוי פלינק מיט זיין בשורה וועגן נאָנטע שריפות, אויב יעדער „מענטש איז פאַרן צווייטן — אַ וואָלף", אויב עס גייט שוין איבער די מאָס און דאָס געבעט גופא איז אַ שטיק טרויער, ווייל מען צווייפלט אין די אייגענע הענט, וואָס שפרייטן זיך אויס צו אַ תפלה.

טאָ וואָס איז דאַן דער אויסוועג? — איין און איינציקער:

אַרויס אין דרויסן און שטעלן זיך פנים אל פנים מיט דער געפאַר. אַרויס פון דעם אייגענעם האַרץ, ווי פון אַ שטוב, אין וועלכער מען איז אַנטלאָפן פאַר דער דראָונג, וואָס שווייגט פאַרעקשנט און קוקט פאַרביסן צו אונז אין פענסטער... לענגער וואַרטן קאָן מען שוין נישט! אַלזאָ אַרויס צו דעם געשפענסט און אָנגעכאַפּט דעם מת פאַרן האַלז.

אַזוי האָט אַמאָל געטון מיין זיידע, וועלכער האָט אָפּגעלעבט 96 יאָר און ביזן טויט נישט געוווסט, אַז אין יענער פסחדיקער נאַכט איז ער געווען דראַמאַטורג, רעזשיסער און אַקטיאָר פון אַ ערלעכן און דערשיטערנדיקן שוישפּיל. און אַזוי טוען מיר אַלע מיט אונזער געשפּאַנטן נייגיר אויף טעאַטער.

מען לעבט כסדר אין אַנגסטן. ווערטער, האַנדלונגען, טראַכטונגען, שטרעבונגען — אַלץ איז פאַרזיכט, איז וואַכזאַמקייט, גרענגנגל הענגט אין דער לופטן. און מען ציטערט טאָמער פאַלט עס אַראָפּ נעבן אונז, טאָמער וועלן קומען צייטן און עס וועט קיין עצה נישט זיין, און די טעג וועלן ליגן ווי אין היינערפלעט, די טעג וועלן קוקן מיט גלעזערנע אויגן און די שטערן בייננאַכט וועלן האָבן פנימער ווי מענטשן וואָס פרעגן... מיר ציטערן פאַר דעם מאָמענט, ווען די מזלות ליגן אויף דער וואָגשאָל, פאַר דעם דעצידירנדיקן מאָמענט פון קאָנפליקט.

נאָר ווי לאַנג קען מען אַזוי לעבן אין אייביקן פחד? עס ווערט אומדערטרעגלעך. מיר ווילן אַרויס פון דער קלעם.

טאָ וואָס טוט מען? מיר פאָדערן אַרויס דאָס לעבן. מיר שטרעקן אויס די אָרעמס און ציען אַראָפּ אויף זיך דעם בליק. זאָל קומען דאָס סוף-כל-סופדיקע. זאָל געשען וואָס עס מוז. זאָל זיין דער רעזולטאַט מיט זיין גאַנצער האַרבקייט, מיט זיין דינסטער שאַרף. לאָמיר אָנקוקן דעם פּראָדוקט פון טויזנטער מערקווירדיקייטן און קאָמפּליצירטקייטן. מיר ווילן שוין איינמאָל פאַר אַלע מאָל זען דעם צוזאַמענשטויס, יאָ דעם אַנטגילטיקן צוזאַמענשטויס...

און דעריבער לויפן מיר אין טעאַטער.

טעאַטער איז דאָס אַנטלויפן פון דראָונג צו סכנה, כדי זיך צו באַפרייען פון דער דראָונג...

די דאָזיקע פאָרמולע איז נאָך נישט אויפגענומען אין קיין שום ענציקלאָפּעדיע. אָבער דערפאַר טאַקי גלוסט זיך מיר זי צו האַלטן פאַר אַן אמת.

פרעגט מען מיך: האַ? וואָס האָסטו געזאָגט? „דעריבער לויפן מיר אין טעאַטער". צי ביסטו דערמיט אויסן, אַז אויב היינט לויפט מען נישט, איז עס דערפאַר, וואָס דאָס טעאַטער לאָזט וואָס אַמאָל מער אַרויס פון אויג דאָס אומגעהויערע, דאָס דערשיטערנדיקע, דאָס פאַטאַלע? צי מיינסטו טאַקי, אַז דאָס, וואָס דאָס טעאַטער זעט ביי זיך אַזוי ווייניק געסט, איז עס, ווייל מען שעמט זיך מיט אים, מען מיידט אים אויס: ער האָט אַ מעשה-רע אָפּגעטון, ער האָט אַרויסגעטריבן זיין אייגענע מאַמע — די טראַגעדיע. און נאָר זעלטן נעמט ער זי אַריין צו זיך, כדי זיך אויסצופייערן פאַר לייטן. אָבער געווײנטלעך בלאָנקעט זי זיך אַרום ערגעץ אין דער פרעמד, צווישן הימל און ערד, אין פאַראומערט-רעגנדיקע טעג, אין זאַווערוכעדיקע נעכט, אָן אַ תקומה, אָן אַ לבוש אויף זיך, — די טראַגעדיע... צי דאָס טאַקי מיינסטו?

ענטפער איך: מיינען מיין איך עס אפשר יאָ (אויב נישט אינגאַנצן, נאָר כל פנים אַ טייל דערפון) נאָר זאָגן עס וועל איך אַן אַנדערש מאָל...

פרעגט מען מיך ווידער: לויט דיין באַצייכענונג איז טעאַטער דער לעצטער שפּאַן אויף דעם געפערלעכן וועג פון די מזלות, און אין משך פון צוויי שעה ווילן מיר אין דער „אָפּשפּיגלונג" פינם טעאַטער זען דעם אָנהויב און דעם סוף פון אונזער ריזיקן פּלאָנטער. איז דאָך עס נאָר גערעדט וועגן גלייכן שפּיגל, אָבער מיטן קרומען שפּיגל וואָס הערט זיך? דאָס אייגענע פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ סאָפאָקלעס האָט דאָך אויך געהאַט אַן אַריסטאָפאַנעס?

ענטפער איך: ערשטנס איז מיר אַלץ איינס, וואָס עס וועט זיך אַרויסווייזן ביים סוף: צי טאַקי אַ גייסט אָנגעטון אין תכריכים אָדער נאָר אַ ווייסער פלעק אויף דער וואַנט... אָבער גזוואָר ווערן דאַרפן מיר עס, אָנכאַפּן פאַרן גאָרגל מוזן מיר עס.

און צווייטנס, ווי האָט געזאָגט מיין זיידע: „פונדעסטוועגן, מיין קינד, גלאַטיק איז עס נישט געווען"... אודאי נישט. ס'איז נישט בחנם. אמתער הומאָר לאַכט נישט אומזיסט. קאָמעדיע איז נישט דאָס אייגענע, וואָס געקינצלטקייט, וואָס ציטונגס-חיך.

די מענטשן אין סיטואַציעס פון פריילעכן מאָליער גיבן צושטייער צו דעם וועלט-געווירבל, צו דעם סוד פון לעבן נישט קיין סך ווייניקער ווי די רעטענישן פון געשפענסטישן איבסען. און די קאָמישע פאַרשוינען פון גאָגאָל זענען אַזוי טרויער-אָנוואַרפנדיק, אַזוי אומהיימלעך. און אַזוי נאָך און נאָך.

אָבער אָביסעלע געדולד. אויך וועגן דעם לוינט אַ שמועס צו טון באַזונדער.


פאַרלאַג „אחיספר" וואַרשע

יעקב דינעזאָן — דער קריזיס . . . . 2.00
" " — פאַליק און זיין הויז . . 2.00

רחל פייגענבערג — אַ פנקס
פון אַ טויטער שטאָט 3.50

ז. ווענדראָף — הומאָרעסקן און דערציילונגען (נייע אויפלאַגע) 3.00

אַדרעס:
„B y c h e r" Warszawa, Nalewki 2 a
פאַר געלט: פּ. ק. אָ. 13.196



פאַרלאַג ב. קלעצקין
שוין ערשינען מ. באָריישאַ (מנחם)
דער גלגול
(דיאַלאָגן אין צוויי באַגעגנישן)
פרייז 3.50 גילדן
אַדרעס: „Bycher", Warszawa, Nalewki 2a,